**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פארעפנטליכט ניו יארק סטעיט סייבער-סעקיוריטי גרענט פלאן**

***נאענט צו 6 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער וועלן גענוצט ווערן צו העלפן לאקאלע קערפערשאפטן פארקלענערן סייבער סכנות און בויען סייבער שטאנדהאפטיגקייט***

***סטעיט וועט נוצן גרענט געלטער פון 'אינפראסטרוקטור געזעץ' צו פארשאפן טאפלטע פעסטשטעלונג, סייבער-סעקיוריטי סקאלערשיפס און סייבער-סעקיוריטי טרענירונג מיטלען פאר לאקאלע שותפים***

***אנליין בויגן איז ארויסגעשיקט געווארן צו בארעכטיגטע קערפערשאפטן אז זיי זאלן קענען אנדייטן זייער אינטערעסע צו באקומען סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט דורך דעם פראגראם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארעפנטליכט די ניו יארק סטעיט סייבער-סעקיוריטי גרענט פלאן וואס דעטאלירט א צוגאנג וואס באנעמט זיך מיט די גאנצע סטעיט צו פארקלענערן סייבער סכנות און אויפבויען סייער שטאנדהאפטיגקייט אין לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט. דורכן אויסנוצן קרוב צו 6 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג דורך דעם פעדעראלן 'סטעיט און לאקאלע סייבער-סעקיוריטי גרענט פראגראם', וועט דער גרענט פראגראם אויסברייטערן צוטריט צו סייבער-סעקיוריטי אינפארמאציע, כלים, מיטלען און סערוויסעס כדי רעגירונג קערפערשאפטן אין ניו יארק זאלן האבן צוטריט צו די מערסטע סאפיסטיקירטע סייבער פארטיידיגונג מאסנאמען. נוצנדיג די צוגעשטעלטע געלטער, וועט ניו יארק איינשפאנען איר עקאנאמישע כוח ביים איינקויפן אין גרויסע מאסן צו דירעקט איינקויפן און ארומשיקן די בעסטע סאפטוועיר, הארדוועיר און סערוויסעס פאר בארעכטיגטע קערפערשאפטן.

"א סייבער אטאקע קען אפשטעלן א גאנצע קאמיוניטי, און עס איז וויכטיג אז לאקאלע רעגירונגען זאלן האבן די מיטלען און אינפארמאציע וואס זענען נויטיג זיך צו באשיצן און זיך שנעלערהייט אפרופן צו א סייבער סכנה", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלטער וועלן צושטעלן די כלים צו העלפן לאקאלע רעגירונגען פארזיכערן קריטישע אינפראסטרוקטור צו באשיצן ניו יארקער און פארקלענערן סייבער סכנות."

אלס טייל פון דעם פעדעראלן 'אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ' ( Infrastructure and Jobs Act (Investment פון 2021 האט קאנגרעס אוועקגעשטעלט דעם ['סטעיט און לאקאלע סייבער-סעקיוריטי גרענט פראגראם'] (State and Local Cybersecurity Grant Program, SLCGP) צו פארטיילן פינאנצירונג פאר יעדע סטעיט צו העלפן בארעכטיגטע קערפערשאפטן אדרעסירן סייבער-סעקיוריטי סכנות און דראאונגען צו קאמפיוטער סיסטעמען אין אייגנטום אדער אפעראציע פון- אדער פאר- סטעיט, לאקאלע, שבטים און טעריטאריאלע רעגירונגען. די צוגעטיילטע סומע פינאנצירונג פאר SLCGP אין ניו יארק אין פיסקאלע יאר 2022 איז געווען $5,810,605, און צום ווייניגסטנס 80 פראצענט פון די געלטער וועלן גיין פאר פראדוקטן און סערוויסעס פאר לאקאלע רעגירונג

קערפערשאפטן, מיט צום וויניגסטנס 25 פראצענט פון די געלטער גייענדיג פאר קערפערשאפטן אין שטעטלישע געגנטער.

כדי צו פארזיכערן אז די מאקסימום צאל פון ניו יארקע קערפערשאפטן קענען בענעפיטירן פון די באגרעניצטע SLCGP געלטער, וועט ניו יארק אליין דירעקטערהייט איינקויפן סאפטוועיר, הארדוועיר און סערוויסעס צו ווייטער געשיקט ווערן פאר בארעכטיגטע קערפערשאפטן. דורכאויס דעם ערשטן יאר פון דעם פראגראם, איז ניו יארק סטעיט קאנצענטרירט אויף מיטגעטיילטע סערוויסעס איניציאטיוון צו העלפן לאקאלע רעגירונג קערפערשאפטן אויפבויען א פונדאמענטאלע סטאנדארט פון סייבער-סעקיוריטי. די איניציאטיוון זענען:

- **טאפלטע פעסטשטעלונג (Multi-Factor Authentication, MFA):** MFA איז א מיטל וואס ווערט גענוצט צו פעסטשטעלן די אידענטיטעט פון א באניצער, פארלאנגנדיג פון זיי צו דורכגיין צוויי אדער מער פעסטשטעלונג שטאפלען צו קענען צוקומען צו א פלאטפארמע. ניו יארק וועט צושטעלן הארדוועיר און/אדער די נויטיגע סאפטוועיר 'טאָקענס' און פראפעסיאנאלע סערוויסעס וואס בארעכטיגטע קערפערשאפטן קענען נוצן צו אריינלייגן MFA אין זייערע טעכנאלאגישע עלעמענטן.
- **סייבער-סעקיוריטי סערטיפיקאציע סקאלערשיפ:** ניו יארק וועט צושטעלן סקאלערשיפּס פאר אויסדערוועהלטע ארבייטער פון בארעכטיגטע קערפערשאפטן וועלכע דינען יעצט אויף ראלעס אדער האבן פאראנטווארטליכקייטן אין פארבינדונג צו אינפארמאציע טעכנאלאגיע, אינפארמאציע זיכערהייט, סייבער-סעקיוריטי, אינפארמאציע פריוואטקייט און/אדער דאטא זיכערהייט זיך צו פארדינען אן אינדוסטריע-אנערקענטע סייבער-סעקיוריטי סערטיפיקאציע.
- **סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט טרענירונג:** ניו יארק וועט צושטעלן אן אנליין סייבער-סעקיוריטי אויפמערקזאמקייט טרענירונג פאר בארעכטיגטע קערפערשאפטן פאר זייערע ארבייטער.

בארעכטיגטע קערפערשאפטן קענען לאזן וויסן אז זיי זענען אינטערעסירט זיך צו באטייליגן אין איין אדער מער פון די געאפפערטע מיטגעטיילטע סערוויסעס דורכן אויספילן די [SLCGP אינטערעסע בויגן](). אנטווארטן אויף די בויגן וועלן העלפן די סטעיט פלאנירן ווי נויטיג צו אדרעסירן די נויט אריבער די סטעיט, זיך באנוצנדיג מיט געלטער פון פיסקאלע יאר 2022, דער 1'טער יאר פון דעם פראגראם. אן אפיציעלער אפליקאציע פראצעדור וועט זיך אנהויבן שפעטער דאס יאר. אינפארמאציע איבער די אפליקאציע וועט פארעפנטליכט ווערן אויף די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס'ס (Division of Homeland Security and Emergency Services) גרענט פראגראמען [וועבזייטל בלאט]().

**ניו יארק סטעיט טשיעף סייבער אפיסער, קאלין אהערן, האט געזאגט,** "ניו יארק זעצט פאר צו אונטערנעמען אנטשיידענע שריט צו פארשטערקערן סייבער-סעקיוריטי אריבער די סטעיט. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און דורך אונזער צוזאמענארבעט מיט פרעזידענטביידן און די קאנגרעס, טוט ניו יארק אינוועסטירן אין א זיכערערע און מער שטאנדהאפטיגע סייבער צוקונפט פאר אונזערע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "די דראאונג פון סייבער אטאקעס זעצט פאר צו וואקסן יעדעס יאר, מאכנדיג דאס קריטיש אז מיר זאלן זיכער מאכן אז אונזערע לאקאלע שותפים האבן צוטריט צו די סייבער סעקיוריטי סערוויסעס וואס זענען נויטיג צו האלטן אינפארמאציע און קריטישע אינפראסטרוקטור זיכער. דורכן נוצן א מאדעל פון מיטגעטיילטע סערוויס, מאכן מיר דאס גרינגער פאר לאקאלע רעגירונגען זיך צו

פארשאפן וויכטיגע פראדוקטן וואס זענען וועזנטליך ביים העלפן האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער פון סייבער קרימינאלן."

**קאנגרעסמאן דזשערי נעדלער האט געזאגט,** "דער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור געזעץ זעצט פאר צו ברענגען רעזולטאטן. די היינטיגע אנאנס איבער די ניו יארקער סייבער-סעקיוריטי גרענט פלאן וועט רעדוצירן סייבער סכנה און פארשטערקערן סייבער פארטיידיגונג אריבער אונזער סטייט — העלפנדיג האלטן ניו יארקער'ס אינפארמאציע באשיצט און פארזיכערט."

**קאנגרעספרוי גרעיס מענג האט געזאגט,** "אזוי ווי טעכנאלאגיע זעצט פאר זיך צו אנטוויקלען, וועט די צאל פון סייבער דראאונגען צו סיסטעמען וואס ווערן גענוצט דורך סטייט און לאקאלע רעגירונגען יעדן טאג בלויז וואקסן. א דאנק דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ – וואס איך האב געהאלפן אריבערפירן – שטעלן מיר צו היסטארישע געלטער צו זיכער מאכן אז רעגירונג קערפערשאפטן אריבער די סטייט האבן די טעכנאלאגיע און טרענירונג וואס זיי דארפן צו פארזיכערן און באשיצן עמפינדליכע אינפארמאציע מיט וועלכע ארבייטער ארבעטן יעדן טאג. דאס מאדערניזירן די סיסטעמען וואס סטייט און לאקאלע רעגירונגען נוצן דארף שוין פון לאנג געטוהן ווערן, און אלס ניו יארק'ס פארטרעטערין אויף די ראיאנישע פירערשאפט קאונסיל – וואס ארבעט צו שטופן און איינפירן בילס וואס זענען אריינגעשריבן געווארן אין געזעץ דורך פרעזידענט ביידן – בין איך פרייליך צו זעהן פעדעראלע פינאנצירונג שטיצנדיג אינציאטיוון וואס וועלן זיי העלפן זיך צופאסן צו וואקסנדע סייבער-סעקיוריטי סכנות."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָו עספּאַיאַט האט געזאגט,** "מיט אונזער פארמערטע אנגעווייזנקייט אויף קאמפיוטער סיסטעמען און די וואקסנדע זיכערהייט דראאונג וואס AI ברענגט, איז דאס וויכטיג ביז גאר אז מיר זאלן אונטערנעמען באווארענונג שריט צו באשיצן עמפינדליכע אינפארמאציע וואס ווערט געהאלטן דורך אונזערע סטייט און לאקאלע רעגירונגען. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן נעמען די נויטיגע שריט צו זיכער מאכן אז ניו יארק איז באשיצט פון געפארפולע סייבער דראאונגען, און איך מוטיג אלע בארעכטיגטע קערפערשאפטן זיך צו באטייליגן אין ניו יארק'ס סייבער-סעקיוריטי גרענט פלאן צו זיכער מאכן אז זיי זענען גרייט צו פארמיידן און באקעמפן סייבער-סעקיוריטי אטאקעס היינט און אין די צוקונפט."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "אזוי ווי אונזער דיגיטאלע מצב זעצט פאר זיך צו אנטוויקלען און טוישן, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן פארזעצן צו נעמען די שריט וואס זענען נויטיג צו באשיצן מענטשן, ארגאניזאציעס און רעגירונגען פון די אנליין דראאונגען. דורכן אוועקשטעלן די ניו יארק סטייט סייבער-סעקיוריטי גרענט פלאן נוצנדיג געלטער וואס איך האב געהאלפן פארזיכערן אין וואשינגטאן, טוט גאווערנער האקול העלפן האלטן אונזער סטייט זיכער פון סייבער-סעקיוריטי דראאונגען, און זי טוט זיכער מאכן אז מיר בלייבן אויף די סאמע פראנט פון די טעכנאלאגיעס פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט. איך קוק ארויס צו מער געלעגנהייטן צו ארבעטן צוזאמען מיט סטייט און לאקאלע שותפים צו פארשטערקערן סייבער-סעקיוריטי און שטיצן אונזערע לאקאלע רעגירונגען."

**קאנגרעסמאן ענדרו גארבארינאָו האט געזאגט,** "פארזיכערן אונזערע סייבער סיסטעמען אריבער דאס לאנד הויבט זיך אן מיט פארמינערונג פון סכנות אויף די לאקאלע שטאפל. אין א וועלט וואס ווערט מער און מער פארבינדן, איז יעדע נקודה פון בארירונג וואקלדיג מיט א פאטענציאל פון פיינדליכע און ווייט-גרייכנדע ווירקונגען אריבער קריטישע אינפראסטרוקטור סעקטארן. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב געהאלפן ארויפברענגען דעם 'סטייט און לאקאלע סייבער-סעקיוריטי פארבעסערונג געזעץ' (State and Local Cybersecurity Improvement Act) אין די לעצטע קאנגרעס סעסיע צו אוועקשטעלן דעם גרענט פראגראם. איך בין דערפרייעדט צו זעהן די סטייט ארויסשיקנדיג די פינאנצירונג צו העלפן קאמיוניטיס אין ניו יארק פארבעסערן זייער אלגעמיינע סייבער-סעקיוריטי שטאנד. יעדע ארגאניזאציע, גרויס און קליין, דארף זיך אויפפירן ווי כאילו זיי זענען דער קומענדיגער קורבן פון א סייבער אטאקע, און

זיך גרייטן אינזין האבנדיג דאס. דאס איינשפאנען די פילע מיטלען פון CISA פאר קלוגע אינוועסטירונגען אין די פארמינערונג פון סכנות איז א וויכטיגע ערשטע טריט."

**קאנגרעספרוי ניקאָול מעליאָוטעקיס האט געזאגט,** "אין די היינטיגע טעכנאלאגישע עפאכע, איז דאס קריטיש וויכטיג פאר פריוואטע סעקטאר און רעגירונג קערפערשאפטן צו זיין אויפגעקלערט, וואכזאם און גרייט קעגן סייבער סעקיוריטי דראאונגען. איך בין שטאלץ צו האבן געשטימט צו פארזיכערן די קריטישע אינפראסטרוקטור פינאנצירונג צו העלפן אונזער קאמיוניטי אויפבויען איר סייבער שטאנדהאפטיגקייט צו פארמיידן אריינברעכן אין פריוואטקייט, אטאקעס קעגן אינפראסטרוקטור און שטערונגען צו סערוויסעס."

**קאנגרעסמאן ריטשי טאָרעס האט געזאגט,** "די סייבער-סעקיוריטי גרענט פלאן שטרייכט אונטער ניו יארק'ס פארפליכטונג צו פארשטערקערן סייבער פארטיידיגונג מאסנאמען אין לאקאלע רעגירונגען. די פלאן, מיט די שטיצע פון כמעט 6 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג, וועט אונז ערמעגליכן צו צושטעלן וועזנטליכע כלים, מיטלען און טרענירונג פאר אונזערע רעגירונג קערפערשאפטן, פארזיכערנדיג אז זיי האבן די נויטיגע פארטיידיגונג מאסנאמען קעגן אנטוויקלנדע דראאונגען. צוזאמען קענען מיר בויען א שטערקערע און מער פארזיכערטע ניו יארק פאר יעדן."

די פארעפנטליכונג פון ניו יארק'ס סייבער-סעקיוריטי גרענט פלאן איז די לעצטע טריט וואס איז אונטערגענומען געווארן דורך גאווערנער האקול צו פארשטערקערן די סטעיט'ס סייבער פארטיידיגונג מאסנאמען און צו פארזיכערן אז די סטעיט און אירע לאקאלע שותפים זענען גרייט אזוי ווי דיגיטאלע דראאונגען זעצן פאר זיך צו פארמערן.

אין אוגוסט פון 2023 האט גאווערנער האקול פארעפנטליכט די סאמע ערשטע 'ניו יארק סטעיט סייבער-סעקיוריטי סטראטעגיע' וואס האט פארגעלייגט א צוגאנג צו סייבער-סעקיוריטי און שטאנדהאפטיגקייט באזירט אויף די פרינציפן פון פאראייניגונג, שטאנדהאפטיגקייט און גרייטקייט. די פינף 'זיילן' פון די סייבער-סעקיוריטי סטראטעגיע – אפעראציע, צוזאמענארבעט, רעגולאציע, קאמוניקאציע און וואוקס – האבן באאיינפלוסט די אנטוויקלונג פון די גרענט פלאן, און זיי זענען אפגעשפיגלט אריבער די גאנצע פלאן. אלס אן אדמיניסטראטיווע פאדערונג פון די SLCGP, איז די גרענט פלאן נישט בלויז נאך איין געביט פון ניו יארק סטעיט'ס ברייטע ליסטע פון סייבער-סעקיוריטי מאסנאמען וואס בויען אויף סייבער-סעקיוריטי פארגעשריטנקייט צווישן אונזערע קריטישע אינסטיטוציעס, נאר עס איז אויך אן אונטערנעמונג וואס וועט זיך איבערחזר'ן, אויסגעשטעלט צו רעאגירן צו די אנטוויקלנדע באדערפענישן פון אונזער סטעיט.

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט איז ניו יארק אויך ארויסגעקומען מיט א לאנד'ס-פירנדן פראגראם צו צושטעלן סייבער-סעקיוריטי סערוויסעס פאר קאונטי און לאקאלע רעגירונג קערפערשאפטן, דעקנדיג מער פון 76,000 קאמפיוטערס אין רעגירונג אייגנטום אריבער די סטעיט, און די סטעיט'ס געזעץ אינפארסירונג סייבער מעגליכקייטן זענען אויך אויסגעברייטערט געווארן דורכן פארגרעסערן די 'קאמפיוטער פארברעכן איינהייט' (Computer Crimes Unit), סייבער אנאליזירונג איינהייט (Cyber Analysis Unit) און די 'אינטערנעט פארברעכן קעגן קינדער צענטער' (Internet Crimes Against Children Center) אונטער די ניו יארק סטעיט פאליציי. אין 2024 טוט גאווערנער האקול אויסברייטערן דעם 'מיטגעטיילטע סערוויסעס פראגראם' (Shared Services Program) דורכן אויסברייטערן בארעכטיגונג פאר די מיטגעטיילטע סערוויס פון נאכפאלגונג מאסנאמען אויף קאמפיוטערס און דעווייסעס (endpoint detection and response) און אויך צולייגן די מעגליכקייט צו אויפכאפן שוואכע נקודות וואס זענען איינגעשטעלט צו אן אטאקע (attack surface management) צו דעם מיטגעטיילטע סערוויסעס פראגראם. כדי צו נאך מער באשיצן ניו יארק'ס קריטישע אינפראסטרוקטור, האט גאווערנער האקול אויך פארגעשלאגענע נייע שפיטאל סייבער-סעקיוריטי רעגולאציעס, און זי האט אונטערגעשריבן היסטארישע געזעצן צו באשיצן ניו יארק'ס עלעקטריציטעט 'גריד' פון סייבער אטאקעס. אזוי ווי סייבער

דראאונגען אנטוויקלען זיך שנעלערהייט, בלייבט ניו יארק אויף די פראנט פון פארגעשריטענע סייבער-סעקיוריטי פּאליסי, און זי זעצט פאר צו פארשטעקערן די שוץ מיטלען אריבער די רעגירונג און פריוואטע סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן